בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

קט"ז

יו"ל: ח' אדר ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**געברענגט א קרבן תודה**

**דו האסט מיר נישט וואס צו לויבן?!**

**ווערן מער נענטער צום אויבערשטן!**

**לימוד הלכה - שעשוע עולם הבא!**

**נאך קיינמאל נישט געהאט די הלכה**

**געענדיגט און שוין אנגעהויבן**

**גירסא דינקותא**

**דריי הלכות ברורות**

**פארוואס לערנט מען מיר נישט?**

**געענדיגט הונדערט מיט איין מאל ש"ס!**

**ווי קומט צו דיר 'העור והרוטב'?**

**מיין נת'עלען הייסט ער לערנען משניות?**

**אין מיין זאך וועט אויך זיין חכמות**

**שמעון'לע, וואס ביסטו אזוי אומעטיג?**

**מען זאל אים געבן? וואס עפעס?**

**ר' בוניע פון קרימענטשאק**


ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #116


מכון טעם זקנים
שיחתו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל


הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**



©
כל הזכויות שמורות



לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15
יש להתקשר:
**להרב נחמן אשר האס**
**(+1) 845-548-1179**

בס"ד

# פרשת תצוה

## שנת תשל"ח

(טייפ מס' 317#)

## געברענגט א קרבן תודה

'ימי חנוכה' אין דעם אנדערן חלק, תורה ב'. די תורה האט דער רבי געזאגט, תקס"ט[א]. דער רבי איז געווען אין לעמבערג א צען חדשים, אוועקגעפארן נאך סוכות און צוריקגעקומען פרשת בלק[ב], דאס איז א חשבון פון צען חדשים. מען האט שוין געזאגט אויפן רבי'ן אז דער רבי איז דארטן נסתלק געווארן[ג].

אז דער רבי איז צוריקגעקומען, האט ער געזאגט די תורה צו געבן אויף זיך א תודה והודאה[ד].

---

[א] חיי מוהר"ן אות נ"ט.

[ב] שם קי"ט; קס"ז; ימי מוהרנ"ת מ"א.

[ג] ימי מוהרנ"ת שם.

[ד] עיין חיי מוהר"ן אות ע"ט: "הַתּוֹרָה יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה בְּחִינַת תּוֹדָה וְכוּ' בְּלִקּוּטֵי תִנְיָנָא בְּסִימָן ב' זֹאת הַתּוֹרָה אָמַר בְּשַׁבַּת חֲנֻכָּה וּבְאוֹתָהּ שָׁנָה בָּא מִלֶּמְבֶּרְג, **וּלְפִי עֲנִיּוּת דַּעְתִּי הִמְשִׁיךְ בָּזֶה בְּחִינַת תִּקּוּן קָרְבַּן תּוֹדָה שֶׁהָיָה צָרִיךְ לְהָבִיא עַל שֶׁחָזַר מִשָּׁם בְּשָׁלוֹם לְבֵיתוֹ**. כִּי זֶה יְשׁוּעָה גְּדוֹלָה וְנִפְלָאָה מְאֹד לָנוּ וּלְכָל יִשְׂרָאֵל, כִּי אִם הָיָה נִשְׁאָר שָׁם בְּלֶמְבֶּרְג אֶפְשָׁר הָאוֹר הָיָה מִסְתַּלֵּק לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם וְלֹא הָיִינוּ שׁוֹמְעִין כָּל הַנּוֹרָאוֹת שֶׁהָיָה מְגַלֶּה לָנוּ אַחַר כָּךְ בְּתוֹרוֹתָיו וְשִׂיחוֹתָיו שֶׁאָמַר אַחַר כָּךְ. בִּפְרָט הַמַּעֲשִׂיּוֹת, שֶׁעִקַּר הַמַּעֲשִׂיּוֹת הַגְּדוֹלוֹת גִּלָּה לָנוּ אַחַר כָּךְ, בִּפְרָט הַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַשִּׁבְעָה בֶּעטְלֶירְס. **וּבְוַדַּאי רָאוּי לְהָבִיא קָרְבַּן תּוֹדָה עַל יְשׁוּעָה כָּזֹאת**".

דעם גאנצן אנדערן חלק (בליקוטי מוהר"ן) איז געווארן אלץ נאך לעמבערג: די דריי תקעו'ס איז געזאגט געווארן ס"ט, ע' און ע"א, "תקעו ממשלה"[ה] "תקעו אמונה"[ו] און "תקעו תוכחה"[ז], אזוי אויך די תורה "ואת הערבים"[ח], "כי מרחמם ינהגם"[ט] – אלץ איז געזאגט געווארן נאך לעמבערג, כמעט דער עיקר השארה פונעם רבי'ן איז אלץ געווען נאך לעמבערג[י].

❖

(אות א') "יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה" - דאס איז טעג פון לויבן דעם אויבערשטן, "אזוי ווי מיר זאגן דאך: 'וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנֻכָּה אֵלּוּ לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל' וְכוּ'. וִימֵי הוֹדָאָה זֶה בְּחִינַת שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא" - 'ימי הודאה' דאס איז דער תענוג פון עולם הבא.

אין עולם הבא וועט נאר זיין די זאך וואס מען וועט האלטן אין איין לויבן דעם אויבערשטן, זעהן דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט, דאס איז שעשוע עולם הבא. א מענטש וואס ווערט מלובש מיט א גוף אין דער וועלט קען ער נאך נישט מאכן די תודה והודאה אזוי גרויס, ער פילט נאך נישט אויף יעדער זאך צו האבן נאר 'תודה והודאה'. 'שעשוע עולם הבא' איז 'תודה והודאה', לויבן דעם אויבערשטן!

"כִּי זֶה עִקַּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרַךְ וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ" – דערקענען דעם אויבערשטן. וואס מען לויבט דעם אויבערשטן

---

[ה] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א'.

[ו] שם סי' ה'.

[ז] שם סי' ח'.

[ח] שם סי' ד'.

[ט] שם סי' ז'.

[י] עיין בימי מוהרנ"ת אות כ"ז: "לְדַעְתִּי כָּל הַהַשְׁאָרָה שֶׁנִּשְׁאַר מִמֶּנּוּ עִמָּנוּ אֵיזֶה הִתְגַּלּוּת מֵהַשָּׂגוֹת דַּעְתּוֹ הַנּוֹרָאָה, הַכֹּל הָיָה בְּכֹחַ הַפְּעֻלּוֹת שֶׁל אוֹתָן הַשָּׁנִים הָאַחֲרוֹנִים כְּפִי שֶׁאֲנִי מֵבִין מֵרָחוֹק יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לָעַד עַל כָּל הַטּוֹבָה הַזֹּאת".

מערער, דערקענט מען אים מערער, "שֶׁעַל יְדֵי זֶה סְמוּכִים וּקְרוֹבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ" - מען איז נאנט צו אים! דאס לשון 'נאנט צום אויבערשטן' איז דאך נישט קיין גשמיות'דיגע נאנטקייט וואס איינער זיצט לעבן דעם אנדערן, נאר וואס ער איז מער עוסק אין 'תודה והודאה', דערקענט ער מערער און איז נענטער צום אויבערשטן.

דער פגם פון אדם הראשון'ען איז געווען, ער האט געזאגט: "הָאִשָּׁה אֲשֶׁר נָתַתָּה עִמָּדִי הִוא נָתְנָה לִי"[יא], זאגט רש"י: 'כאן כָּפַר בטובה'.

❖

## דו האסט מיר נישט וואס צו לויבן?!

דער רבי זאגט אין תורה ב' אין 'אמור אל הכהנים'[יב], "חרב פיפיות" - עס איז דא צוויי שארפן פון תפילה, 'שבחו של מקום' און 'שאלת צרכיו'. אזוי ווי מען איז מנצח דער מלחמה מיט דעם שארף וואס מען 'בעט' דעם אויבערשטן, אזוי אויך איז מען מנצח מיט דעם וואס מען 'לויבט' דעם אויבערשטן, דאס איז אויך א שארף. "פיפיות" - שתי פיות. די גרויסע גיבורים וואס גייען דארטן אין מלחמה אריין האבן זיי א שווערד פון צוויי שארפן. פארוואס? ער זאל קענען האקן ביידע זייטן! ווייל טאמער דארף ער איבערדרייען דעם שווערד, איז ער דאך אין דער רגע אין א סכנה, אבער אז ער האט צוויי שארפן קען ער גיין אהער און אהין, מימין לשמאל, ער דארף נישט איבערדרייען דעם שווערד.

אזוי אויך דא איז דא דער צווייטער שארף, פון תודה והודאה אויך. א מענטש דארף זיך ווארפן אלעמאל, אט 'בעט' ער, אט 'תודה והודאה'. אויב בעטן אליין

---

[יא] בראשית ג, יב.

[יב] באות ב', וז"ל: "**הַתְּפִלָּה הוּא פִּי שְׁנַיִם. שְׁנַיִם שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם שִׁבְחוֹ שֶׁל מָקוֹם וּשְׁאֵלַת צְרָכָיו. וְהוּא בְּחִינַת** (תְּהִלִּים קמ"ט): **"וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם". בְּחִינַת שְׁתֵּי פִּיּוֹת, בְּחִינַת פִּי שְׁנַיִם**".

דעם אויבערשטן, זאגט דער אויבערשטער, 'דו האסט מיר נישט וואס צו לויבן? דו האלסט דאך אין איין בעטן, דו האסט מיר נישט וואס צו לויבן??!'

טאקע דער תהלים אינגאנצן איז דאך נאר פון תודה והודאה! הייסט ער טאקע "תהלים"! אט 'בעט' ער, אט 'לויבט' ער, אט בעט ער, אט לויבט ער, דאס איז די שלימות!

דער רבי זאגט אין דער תורה פון 'בצר הרחבת לי'[יג], אין יעדע זאך וואס איך דארף האבן, כאטש איך האב נאכנישט די זאך, ליגט אין דער זאך א הרחבה אויך. אין דער זאך אליין, אין דער צרה איז דא א הרחבה, א חוץ וואס שפעטער וועל איך ארויס אינגאנצן פון דער צרה, אבער אין דער צרה אליין איז דא א הרחבה!

קומט אויס אז א מענטש בעט דעם אויבערשטן אויף א זאך (אָן לויבן), איז דער פשט, די זאך האב איך אינגאנצן נישט. (אבל באמת) נאך איידער איך ווער געהאלפן ליגט שוין אויך דארטן אַן הרחבה, דארפסטו דאך לויבן דעם אויבערשטן אויף דער הרחבה וואס עס איז דארטן דא. דאס איז א שארף ( - תודה והודאה), מען נעמט דערמיט איין![יד]

## ווערן מער נענטער צום אויבערשטן!

"כִּי כָל מַה שֶׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר, סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר". וואס מען ווייסט און מען דערקענט דעם אויבערשטן מערער, וואס דורך תודה והודאה דערקענט מען דאך דעם אויבערשטן, איז מען נענטער צום אויבערשטן! "כִּי שְׁאָר

[יג] ליקוטי מוהר"ן סי' קצ"ה, וזל"ש: "'בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי' (תְּהִלִּים ד), הַיְנוּ שֶׁגַּם אֲפִלּוּ בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְחִיב לָנוּ, כִּי אִם יִסְתַּכֵּל הָאָדָם עַל חַסְדֵּי ה'. יִרְאֶה, שֶׁאֲפִלּוּ בְּעֵת שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵצֵר לוֹ, גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְחִיב לוֹ, וּמַגְדִּיל חַסְדּוֹ עִמּוֹ, וְזֶה: "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", הַיְנוּ אֲפִלּוּ בְּתוֹךְ הַצָּרָה בְּעַצְמָהּ, נָתַתָּ לִי הַרְחָבָה בְּתוֹכָהּ, מִלְּבַד מַה שֶּׁאָנוּ מְצַפִּים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹשִׁיעֵנוּ בְּקָרוֹב מִכָּל הַצָּרוֹת, וְיֵיטִיב עִמָּנוּ מְאֹד, אַךְ אֲפִלּוּ גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ מַרְחִיב לָנוּ".

[יד] עיין בליקוטי הלכות הל' כלאי בהמה ה"ד, אות ד': "זֶה הַדֶּרֶךְ שֶׁל הוֹדָאָה וְתוֹדָה הוּא דֶּרֶךְ נִפְלָא מְאֹד לְהִתְקָרֵב עַל־יָדוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִכָּל מָקוֹם שֶׁהוּא".

כָּל הַדְּבָרִים יִתְבַּטְּלוּ לֶעָתִיד כֻּלָּם, בִּבְחִינַת[טו]: 'כָּל הַקָּרְבָּנוֹת בְּטֵלִין, חוּץ מִקָּרְבַּן תּוֹדָה'". פאר א חטא, קומט דאך א חטאת, אַן אשם'. לעתיד וועט דאך נישט זיין קיין חטאים, אבער דער קרבן תודה וועט איבערבלייבן. אלע קרבנות, אלע התקרבות'ן וואס עס איז איצטער דא, לעתיד וועט נאר זיין א התקרבות פון 'תודה והודאה', פון לויבן דעם אויבערשטן, מען וועט אזויפיל דערקענען דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט אז מען וועט האלטן אין איין לויבן, אין איין לויבן! "שֶׁלֹּא יִשָּׁאֵר לֶעָתִיד, רַק בְּחִינַת תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וְלָדַעַת אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (ישעיה י"א): 'כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים', וואס דאס איז דער גאנצער שעשוע עולם הבא!"

דעמאלט קען מען טאקע זיין 'בשמחה תמיד', אז מען איז עוסק אין להודות ולהלל לשמו יתברך, לויבן דעם אויבערשטן, דאס איז א התקרבות, א התקרבות, א שווערד!

כמה מאל איז דא, א מענטש גייט, ער וויל רעדן א דיבור צום אויבערשטן, אבער ער הויבט אָן גלייך שוין צו בעטן, דערפאר האט ער נישט קיין דיבורים. לויב אים! מיט תודה והודאה גיי צום אויבערשטן, נאכדעם וועט ער האבן דיבורים צו רעדן צום אויבערשטן, ער דארף אנהויבן מיט תודה והודאה[טז].

א לשון פון דער שמונה עשרה: "עַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְטוֹבוֹתֶיךָ שֶׁבְּכָל עֵת", דיינע ניסים און דיינע נפלאות 'שבכל עת' וואס מיר ווייסן

---

[טו] מדרש רבה, צו פרשה ט', אמור פרשה כז, עיי"ש.

[טז] עיין בליקוטי הלכות הל' כלאי בהמה ה"ד: "כְּשֶׁאֵין מוֹדִים עַל הֶעָבָר, קָשֶׁה מְאֹד לִקְרוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ מִגֹּדֶל אֹטֶם הַלֵּב שֶׁנֶּאְטָם מֵרִבּוּי הַצָּרוֹת וְאֹרֶךְ הַגָּלוּת וְעֹצֶם הַמַּחֲלֹקֶת וְהַקָּטֵגוֹרְיָא וְהַקִּנְאָה וְהַשִּׂנְאָה וְרִבּוּי הַמְּנִיעוֹת שֶׁמִּשְׁתַּטְּחִים בְּכָל פַּעַם עַל כָּל הָרוֹצֶה לְהִתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עַד שֶׁמֵּעֹצֶם רִבּוּי הַמְּנִיעוֹת קָשֶׁה מְאֹד אֲפִלּוּ לִפְתֹּחַ פֶּה לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ. עַל־כֵּן צְרִיכִין לִזָּהֵר בָּזֶה מְאֹד, שֶׁבְּכָל פַּעַם בְּבוֹאוֹ לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ אוֹ לְהִתְקָרֵב לְאֵיזֶה דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, יַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ רִבּוּי הַטּוֹבוֹת וְהַחֲסָדִים שֶׁעָשָׂה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִמּוֹ מֵעוֹדוֹ עַד הַיּוֹם הַזֶּה, וְעַל־יְדֵי־ זֶה יִתְחַזֵּק לְבָבוֹ לִבְטֹחַ בַּה' שֶׁיִּשְׁמַע תְּפִלָּתוֹ גַּם עַתָּה, וְעַל־יְדֵי־זֶה יוּכַל לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ וּלְפָרֵשׁ לְפָנָיו שִׂיחָתוֹ כָּרָאוּי. וְזֶה בְּחִינַת: "לְךָ אֶזְבַּח זֶבַח תּוֹדָה", וְעַל־יְדֵי זֶה: "וּבְשֵׁם ה' אֶקְרָא"". (ע"פ אוצר היראה)

גארנישט. דער אויבערשטער טוהט מיט אונז ניסים וואס מיר ווייסן גארנישט די ניסים אינגאנצן, 'תהומא עילאה, תהומא תתאה'[יז]. מיר לויבן דעם אויבערשטן מיט א נוסח פון שמונה עשרה וואס דאס האבן מחבר געווען די אנשי כנסת הגדולה אז מען זאל זאגן 'על נסיך שבכל יום עמנו, ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת, ערב ובוקר וצהרים' - א נוסח. און מען זאגט דאס אזוי - ווייל עס איז אזוי. מיר האבן פונעם אויבערשטן ניסים ונפלאות בכל עת, בכל עת איז דא ניסים ונפלאות, מיר זענען מחויב צו לויבן דעם אויבערשטן אויף די ניסים ונפלאות[יח].

❖

## לימוד הלכה - שעשוע עולם הבא!

(ממשיך באות ב') **זאגט דער רבי אזוי: "וּבְחִינַת תּוֹדָה, שֶׁהוּא שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, דאס איז בחינת הלכות".** דער רבי רעדט דא פון תודה, און ער רעדט פון הלכות. 'תודה' איז דאך תפילה, און 'הלכות' איז לימוד. זעהען מיר ארויס אז דער שולחן ערוך איז געווען ביים רבי'ן אזוי גרויס. דער רבי רעדט ווייטער פון 'תורה ותפילה'[יט],

---

[יז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ז', אות א': "כִּי יֵשׁ נִסִּין עִלָּאִין, שֶׁהוּא בְּחִינַת **תְּהוֹם עִלָּאָה**; וְיֵשׁ נִסִּים תַּתָּאִין, שֶׁהֵם בְּחִינַת **תְּהוֹמָא תַתָּאָה**". ועיין בליקוטי תפילות על תורה ט' מש"ש בזה"ל: "וְאֶזְכֶּה לְהַאֲמִין בְּנִסֶּיךָ הַקְּדוֹשִׁים אֲשֶׁר עָשִׂיתָ עִמָּנוּ מֵעוֹלָם נִסִּים וְנִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת וַאֲשֶׁר אַתָּה עוֹשֶׂה עִמָּנוּ בְּכָל דּוֹר וָדוֹר עַד עַתָּה, **נִסִּים עִלָּאִין וְנִסִּים תַּתָּאִין, נִסִּים נִגְלִים וְנִסִּים נִסְתָּרִים, נִסִּים עַל-פִּי דֶּרֶךְ הַטֶּבַע וְנִסִּים שֶׁלֹּא עַל-פִּי דֶּרֶךְ הַטֶּבַע, נִסִּים בִּכְלָל וְנִסִּים בִּפְרָט, לְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה**, בְּכֻלָּם אֶזְכֶּה אֲנִי וְכָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל לְהַאֲמִין בָּהֶם בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה".

[יח] עיין בליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ה, אות צ"ט: "בִּבְרָכָה זוֹ אָנוּ מוֹדִים עַל כָּל הַנִּסִּים וְהַנִּפְלָאוֹת שֶׁעָשָׂה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִמָּנוּ בְּכָל דּוֹר וָדוֹר. וַאֲשֶׁר הוּא יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה עַתָּה עִמָּנוּ בְּכָל יוֹם וְכוּ' כְּמוֹ שֶׁמִּתְפַּלְּלִין שָׁם מָגֵן יִשְׁעֵנוּ לְדוֹר וָדוֹר נוֹדֶה לְךָ וְכוּ' **וְעַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְטוֹבוֹתֶיךָ שֶׁבְּכָל עֵת עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרָיִם**, כִּי עַל יְדֵי אֱמוּנַת הָרָצוֹן מְבִינִים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה עִמָּנוּ נִסִּים וְנִפְלָאוֹת בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וְכוּ'. כִּי הַרְבֵּה הַרְבֵּה אָנוּ רוֹאִים בְּעֵינֵינוּ בְּכָל יוֹם מֵאַחַר שֶׁאָנוּ מַאֲמִינִים שֶׁאֵין שׁוּם טֶבַע רַק כָּל הַנְהָגַת הַטֶּבַע הַכֹּל בְּהַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרַךְ לְבַד. וַאֲזַי רוֹאִים נִפְלָאוֹת חֲדָשׁוֹת בְּכָל יוֹם. וּמִלְּבַד זֶה אָנוּ מַאֲמִינִים **שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה עִמָּנוּ נִסִּים וְנִפְלָאוֹת בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת שֶׁאֵין אָנוּ יוֹדְעִים מֵהֶם בִּלְתִּי הוּא יִתְבָּרַךְ לְבַדּוֹ** כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קלו) לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (נִדָּה לא) אֵין בַּעַל הַנֵּס מַכִּיר בְּנִסּוֹ וְכוּ'".

[יט] עיין שם בהמשך אות ד'.

פון די שמות, 'א-ל אלקים', 'תורה מיט תפילה'. 'תורה' 'ותפילה' איז 'תודה והודאה' און 'הלכה'. 'תודה והודאה' דאס איז תפילה, און 'הלכה' דאס איז תורה.

וואס מען לערנט עפעס א זאך דארף מען דאך וויסן די הלכה, וויבאלד אז איך האב נישט די הלכה פון דער זאך, זענען זיי אויסגעמישט, עס איז שוין נישט קיין שלימות, די תורה האט נישט קיין שלימות אין מיר אז איך האב נישט די הלכה דערפון.

טאקע אין נדה איז זיך מסיים ש"ס: **"אל תקרי הליכות אלא הלכות"** - אזוי ענדיגט זיך דאס. **"תנא דבי אליהו, כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא, [שנאמר 'הליכות עולם לו'] אל תקרי הליכות אלא הלכות!"** די הלכות איז א הילוך צום אויבערשטן, דאס איז א הילוך. זאגט דער רבי: **"תודה שהוא שעשוע עולם הבא דאס איז בחינת הלכות"**, עס איז גאר איין זאך, הלכות איז אויך שעשוע עולם הבא!

**"כִּי הַהֲלָכוֹת שֶׁזּוֹכִין לִלְמֹד, בִּפְרָט מִי שֶׁזּוֹכֶה לְחַדֵּשׁ בָּהֶם"**. דאס מיינט פאר אונז, פשוט זיך באנייען אין הלכה[כ]. **"דאס איז שעשוע עולם הבא"**. אזוי ווי תודה והודאה איז שעשוע עולם הבא, לימוד הלכות איז אויך שעשוע עולם הבא![כא] [ברענגט דער רבי טאקע די גמרא:] **"בִּבְחִינַת 'כָּל הַשּׁוֹנֶה הֲלָכוֹת בְּכָל יוֹם, מֻבְטָח לוֹ שֶׁהוּא בֶּן הָעוֹלָם הַבָּא'"**, לערנען הלכה בכל יום! מען איז מחויב צו לערנען הלכה בכל יום[כב].

---

[כ] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קנ"ט: **"וְלִקְטַנִּים שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְהַשִּׂיג וּלְחַדֵּשׁ, מַגִּיעַ לָהֶם מִזֶּה הִתְעוֹרְרוּת חָדָשׁ וְחֵשֶׁק נִמְרָץ לְהַתּוֹרָה, שֶׁהוּא גַּם כֵּן בְּחִינַת חִדּוּשִׁין, שֶׁנִּתְחַדֵּשׁ הַחֵשֶׁק וְהַהִתְעוֹרְרוּת אֶצְלוֹ"**.

[כא] עיין בליקוטי הלכות הל' פסח ה"ד, אות ג': **"פִּסְקֵי הֲלָכוֹת, שֶׁהֵם עִקַּר תִּקּוּן חֵטְא אָדָם הָרִאשׁוֹן וְהֵם כְּלַל כָּל הַתִּקּוּנִים שֶׁל כָּל הַחֲטָאִים, כְּמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מֵרַבֵּנוּ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, וְכַמְבֹאָר בְּמַאֲמָרָיו הַקְּדוֹשִׁים כַּמָּה פְּעָמִים. וְהֵם בְּחִינַת שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא כַּנַּ"ל"**.

[כב] עיין שיחות הר"ן אות כ"ט: **"ועל לימוד הפוסקים הזהיר מאד מאד ביותר מכל הלימודים.** וראוי ללמוד כל הארבעה "שולחן ערוך" כולם מראשם עד סופם **כסדר**. אם יכול ללמוד כל הארבעה שולחן ערוך עם כל הפירושים הגדולים מה טוב. ואם לאו על כל פנים ילמוד כל הארבעה "שולחן ערוך" הקטנים. והוא תיקון גדול מאד מאד. כי על ידי חטאים נתערב טוב ורע, ועל ידי לימוד פוסק שמברר

# נאך קיינמאל נישט געהאט די הלכה

זאגט דער רבי אזוי: "כִּי כְּשֶׁנִּתְחַדֵּשׁ הֲלָכָה, נִתְחַדֵּשׁ שֵׂכֶל וִידִיעָה". אז עס ווערט נתחדש א הלכה, ווערט נתחדש א שכל וידיעה צום אויבערשטן.

דער רבי האט געוואלט מען זאל לערנען כסדר הלכות, דער רבי האט נישט געוואלט מען זאל לערנען כאפעדיג, נאר מען זאל לערנען כסדר[כג].

לערנען הלכה דארף מען לערנען, יורה דעה און חושן משפט און אבן העזר, לערנען הלכה כסדר. אין יעדער הלכה איז דא א שכל וידיעה צום אויבערשטן, ווערט נתחדש הלכות. אז מען הויבט אָן לערנען חושן משפט, אבן העזר, צו יורה דעה, מען האט דאס קיינמאל נישט געלערנט, ווערט א נייע הלכה ביי אונז, מען האט קיינמאל די הלכה נישט געהאט. עס איז דא טויזנטער הלכות וואס מען קוקט

---

הכשר והפסול המותר והאסור הטהור והטמא על ידי זה נתברר ונפרש הטוב מן הרע וכמבואר במאמר 'ראיתי מנורת זהב' (סימן ח') ובשאר מאמרים מעלת לימוד הפוסקים. ואמר: **שכל איש ישראלי מחויב ללמוד בכל יום ויום פוסקים ולא יעבור**. ואף אם הוא אנוס ואין לו פנאי, ילמוד על כל פנים איזה סעיף "שולחן ערוך" באיזה מקום שהוא אפילו שלא במקומו שהוא עומד עתה בשולחן ערוך. כי צריך ללמוד איזה דין ב"שולחן ערוך" בכל יום ויום כל ימי חייו. וכשאינו אנוס ילמוד כסדר כל הארבעה "שולחן ערוך" מדי יום ביומו וכשיגמור ויסיים הארבעה "שולחן ערוך" יחזור ויתחיל ללמדם כסדר. וכן ינהג כל ימי חייו". עיין גם שם, אות קפ"ה: "**וזאת היתה הנהגה הכללית שציוה והזהיר את כולם. דהיינו ללמוד פוסק בכל יום. אפילו ביום שאין לו פנאי ילמוד על כל פנים איזה סעיף "שולחן ערוך" בכל מקום שהוא. ואמר שהוא חיוב גדול על כל אחד מישראל**".

[כג] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ב' חיי שרה תקפ"ד, בא"ד: "גַּם אֲהוּבִי בְּנִי, לֹא טוֹב בְּעֵינַי שֶׁכָּתַבְתָּ לִי שֶׁקָּבַעְתָּ לְךָ שְׁנֵי שִׁעוּרִים בְּלִמּוּד פּוֹסְקִים בְּאֹרַח חַיִּים הִלְכוֹת שַׁבָּת וּבְיוֹרֶה דֵּעָה הִלְכוֹת מְלִיחָה, הֲלֹא הָיָה לְךָ לְהָבִין כִּי לֹא חָפַצְתִּי בְּדֶרֶךְ כָּזֶה לְפַזֵּר דַּעְתּוֹ, בְּעִנְיָנִים רְחוֹקִים כָּאֵלֶּה, וְכִי מָה עִנְיַן מְלִיחָה לְהִלְכוֹת שַׁבָּת, הֲלֹא יָדַעְתָּ כִּי **רְצוֹנִי בְּסֵדֶר הַלִּמּוּד הוּא לִלְמֹד כְּסֵדֶר דַּיְקָא** (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן עו), **דְּהַיְנוּ שֶׁתִּגְמֹר הָאֹרַח חַיִּים עַד סוֹפוֹ, וְאַחַר כָּךְ תַּתְחִיל בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִלְמֹד הַיּוֹרֶה דֵּעָה מֵהִלְכוֹת שְׁחִיטָה מֵרֹאשׁוֹ לְסוֹפוֹ כְּסֵדֶר דַּיְקָא, וְכֵן הַחֹשֶׁן מִשְׁפָּט וְהָאֶבֶן הָעֵזֶר**, לֹא כְּמוֹ שֶׁנּוֹהֲגִין בְּנֵי הַנְּעוּרִים לַחֲטֹף בְּכָל זְמַן הִלְכְתָא מְיֻחֶדֶת לִפְעָמִים הִלְכוֹת בָּשָׂר בְּחָלָב וְלִפְעָמִים הִלְכוֹת טוֹעֵן וְנִטְעָן וּפִתְאֹם מְדַלְּגִין לְהִלְכוֹת נִדָּה וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה וְנִשְׁאָרִים קֵרֵחַ מִכָּאן וְקֵרֵחַ מִכָּאן, וְזֶה וָזֶה לֹא עָלְתָה בְּיָדָם. וּמְאוּמָה לֹא יִשְׂאוּ בַּעֲמָלָם. כִּי כַּאֲשֶׁר יִגְדְּלוּ אֵינָם יוֹדְעִים שׁוּם דִּין וַהֲלָכָה אֲפִלּוּ בְּמָקוֹם אֶחָד. עַל כֵּן רְצוֹנִי שֶׁתִּלְמַד רַק הִלְכוֹת שַׁבָּת וְגַם מַסֶּכֶת שַׁבָּת כַּאֲשֶׁר כָּתַבְתָּ וְתָשִׂים עֵינֶיךָ וְלִבְּךָ לְהָבִין הַדְּבָרִים הֵיטֵב וְלֹא תּוֹנֶה אֶת עַצְמְךָ. וְגַם לֹא תְּדַקְדֵּק יוֹתֵר מִדַּאי בְּחִנָּם. כַּאֲשֶׁר כְּבָר דִּבַּרְנוּ בָּזֶה. אַךְ אִם אִי אֶפְשָׁר לְשַׁנּוֹת דַּעַת חֲבֵרְךָ אַל תִּפְרֹשׁ מִמֶּנּוּ בִּשְׁבִיל זֶה" וכו' עיי"ש.

זיי גארנישט אָן, מען לערנט זיי גארנישט. דער רבי זאגט, יעדע הלכה איז א שכל וידיעה צום אויבערשטן, א נייער שכל, א נייע ידיעה[כד].

אזעלכע הלכות איז דא אין חושן משפט, אין אבן העזר, אין יורה דעה, וואס עס איז גאר נישטא קיין שום מחלוקת, א בירור הלכה![כה] קיין שום מחלוקת נישטא, און מען לערנט גאר קיינמאל נישט די הלכות. דער רבי זאגט דאך דא, אז עס ווערט נתחדש א הלכה, ווערט נתחדש א שכל וידיעה צום אויבערשטן, א נייער שכל וידיעה צום אויבערשטן. דער רבי'נס זאך איז דאך אלץ געווען בתמימות ובפשיטות[כו]. יעדער דיבור דארף מען נעמען בתמימות ובפשיטות.

**רבי נתן פאר זיין הסתלקות האט ער א קרעכץ געטוהן (ואמר:) "וואס מיינט איר קרעכץ איך - איך האב ממעט געווען אין תורה ותפילה? איך האב געהיט די צייט! נאר וואס דען, איך קרעכץ צו איך האב יוצא געווען דאס תמימות פונעם רבי'ן!"**

רבי נתן האט געפילט ביים רבי'ן עפעס א מין סארט תמימות, א מין אמת ליגט עפעס אין דעם תמימות - דאס האט ער געקרעכצעט, צו ער האט יוצא געווען אט

---

[כד] עיין שיחות הר"ן אות כ"ח: "**ראוי לאדם שיעבור וילך בזה העולם בכל הספרים הקדושים וללמוד כולם כדי שיהיה בכל מקום**, כמו שנמצא השרים הגדולים שהולכים ועוברים במדינות, ומוציאים הוצאות רבות על זה כדי שיוכל אחר כן להתפאר ולומר שהיה במדינות כמו שדרך השרים להתפאר ולומר: הייתי בורשא וכיוצא בזה. **כמו כן ראוי שיהיה האדם בעולם הזה בכל מקומות הקדושים של התורה, כדי שיוכל להתפאר בעולם הבא שהיה בכל מקום דהיינו בכל הספרים הקדושים** כנ"ל. ולעתיד בעולם הבא מזכירין אותו כל מה שלמד בעולם הזה".

[כה] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות י"א: "**בְּעִנְיַן לִמּוּד שֻׁלְחָן עָרוּךְ שֶׁהִזְהִיר אַדְמוּ"ר זַצַ"ל, שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם מוֹרֵנוּ מוֹהַרְנַ"ת זַ"ל שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁדַּי לִלְמֹד סָעִיף אֶחָד לְבַד בְּכָל מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲבָל דַּוְקָא סָעִיף כָּזֶה שֶׁהוּא פְּסַק הֲלָכָה**".

[כו] עיין בעלים לתרופה במכתב מיום ד' כ"ה למספר בנ"י תקצ"ו נעמירוב: "**יָדוּעַ וּמְפֻרְסָם, שֶׁכָּל יָמָיו עָסַק בִּיגִיעוֹת עֲצוּמוֹת לְהַכְנִיס אֱמוּנָה בְּיִשְׂרָאֵל, בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת**". עיין עוד בהקדמה לליקוטי הלכות: כִּי דַע, שֶׁכָּל הַדְּבָרִים שֶׁגִּלָּה רַבֵּנוּ ז"ל, הֵם הַקְדָּמוֹת חֲדָשׁוֹת לְגַמְרֵי ... וְכֻלָּם הֵם עֵצוֹת וּדְרָכִים נִפְלָאִים לְהִתְקָרֵב עַל יָדָם לַהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִמָּקוֹם שֶׁהוּא ... **אֲבָל מֵעֹצֶם גַּשְׁמִיּוּת גּוּפֵנוּ וַעֲכִירַת שִׂכְלֵנוּ קָשֶׁה וְכָבֵד מְאֹד לְהַכְנִיס בְּלֵב הָאָדָם תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה, כִּי דַּעַת כָּל אָדָם נוֹטֶה אַחֲרֵי חָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם, שֶׁרֻבָּן מְעַקְּמִין אֶת הַלֵּב מִנְּקֻדַּת הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת**".

דאס תמימות. יעדער דיבור וואס א צדיק זאגט דארף מען נישט ווען מאכן קיין שום געשעפטן, אזוי איז דאס כפשוטו, אזוי איז עס! אזוי איז דער דיבור, אזוי דארף איך טוהן.

❖

## גענדיגט און שוין אנגעהויבן

ר' אברהם שטערנהארץ האט דערציילט פון זיין שווער ר' יוסף יונה, רבי נתן'ס יונגסטער זון, ער איז נישט געווען אזא גרויסער למדן אבער ער איז געווען א געוואלדיגער סארט מענטש, זיין שמירת הזמן איז געווען געוואלדיג. פלעגט ער ענדיגן די ארבעה שלחן ערוך'ס און שוין אנגעהויבן, געענדיגט און שוין אנגעהויבן, געענדיגט און שוין אנגעהויבן. (השואל: די גרויסע?) איך וויים נישט וואס, צו ער האט געלערנט דווקא מחבר רמ"א מיט באר היטב?! ער האט געענדיגט הלכות און אנגעהויבן.

דאס איז דאך די תורה הקדושה! דער רבי זאגט אזא מין לשון: "נתחדש שכל וידיעה". 'תורה ותפילה', טייטש דער רבי, 'א-ל אלקים'. 'א-ל' איז תפילה, און 'אלקים' איז תורה. 'תפילה' זאגט דער רבי, איז 'תודה והודאה', לויבן דעם אויבערשטן, און 'תורה' זאגט דער רבי, איז 'הלכות'! דאס איז עפעס א יסוד, 'לימוד הלכות', "כל השונה הלכות בכל יום"!

בפרט אז מען איז מחדש א נייע הלכה, נייע הלכות, טויזנטער הלכות וואס ער האט עס קיינמאל נישט אנגעקוקט, ער האט קיינמאל נישט געלערנט די הלכות, הלכות וואס עס איז א בירור הלכה, אפילו קיין ש"ך-ט"ז איז נישטא דערויף, עס איז נישטא קיין סמ"ע, נישטא קיין חלקת מחוקק, א הלכה ברורה איז דא אזויפיל, אסאך הלכות וואס קיינער קריגט נישט, און מען קוקט זיי נישט אָן קיינמאל, מען לערנט זיי נישט. איז דען מיין לערנען נאר איך זאל ווערן א רב? דאס איז מיין לערנען? דאס

איז די תורה מיינע, איך זאל ווערן א שוחט צו איך וויס דארטן?! תורת השם בין איך מחויב צו לערנען!

בפרט דא (אין ארץ ישראל) נאך דער חתונה, א כולל מענטש צו אזוי, איז מען דאך מופרש נאר אויף תורה אליין, איז דאך אוודאי דארף ער מאכן א גרויסע קביעות אין הלכה. מילא פאר דער חתונה איז ער נאך אין ישיבה, מוז ער דאך גיין מיט זייער גאנג וואס זיי טוהען - וואס זאל ער טוהן?! (און אפילו דעמאלט) קען ער אויך אפרייסן אויף לימוד הלכות אסאך, אבער נאך דער חתונה אז דער אויבערשטער העלפט ער איז שוין פאר זיך, ער איז שוין א בן חורין, קען ער זיך שוין מאכן א גרויסן שיעור אויף לימוד הלכות.

❖

## גירסא דינקותא

ווען עס קומט צו א שמועס פון הלכות האב איך ליב מאריך צו זיין אין דער זאך, ווייל מיר זענען ברסלב'ער חסידים וואס מען פאלגט דעם רבי'ן, און אין לימוד הלכות פאלגט מען נאך נישט צו לערנען די ארבעה שלחן ערוך'ס כסדר אזוי ווי דער רבי האט געהייסן לערנען, ענדיגן און אנהויבן.

'גירסא דינקותא', דער זכרון איז דאך בעסער, דאס וואס מען לערנט אין דער יוגנט איז דאך אַן אנדער לימוד ווי דער לימוד פון דער עלטער. אַן אלטער איד זיצט ער און לערנט, שוין, אבער דער לימוד פון דער יוגנט איז דאך אַן אנדער לימוד, דער זכרון איז בעסער, די תפיסה איז בעסער, עס לעבט גאר.

רבי נתן האט געזאגט קעגן התבודדות: "פארוואס גייט מיר אויף דער עלטער די עבודה רעגולאר? [רעגולאר הייסט 'גלייך'] ווייל איך האב געהאט אין דער יוגנט אסאך התבודדות!"

קען זיין ביים לימוד איז אויך דאס אייגענע, מען בעט דאך דעם אויבערשטן מען זאל זיין אַן אלטער איד, אז מען האט דעם לימוד פון דער יוגנט, דערנאך אויף דער עלטער גייט עס. אבער אז מען האט אין דער יוגנט נישט דורך געלערנט, איז אויף דער עלטער שווער צו לערנען, דער געדאנק כאפט שוין נישט אזוי. אז מען האט זיך אנגעלערנט אין דער יוגנט, (דעמאלט) אויף דער עלטער געדענקט ער נאך פון דער יוגנט, גייט עס.

יונגע מענטשן, מען איז מופרש אויף תורה, און מען האט נישט קיין גרויסע קביעות אין הלכות. און אז מען הויבט שוין אָן לערנען, הויבט מען אָן אזויפיל מאריך זיין, מען לערנט גארנישט, מען קען אפלערנען צוויי סימנים א גאנצן זומער און שוין, פערטיג, פירט ער ווייטער נישט אוים דער לימוד וואס דער רבי האט געהייסן לערנען, האסטו דאך עס ווייטער נישט. געוואלד, ווער וועט נעמען דעם לימוד אז נישט מיר?!

די וועלט איז ווייט דערפון, איך האב גערעדט מיט גרויסע ראשי ישיבות, האבן זיי מיר געזאגט: "מיר ווייסן אויך וואס איר זאגט, נאר מיר קענען נישט דאס טוהן!" פערטיג, שוין, ער איז א ראש ישיבה, פארקויפט ער דארטן פאר די תלמידים, ער דארף צוגרייטן א שמועס, א פלפול, מפרשים - מיר האבן דאך נישט דעם תירוץ פון אים. ער האט מיר אויך מודה געווען, ער האט מיר געזאגט: "מיר ווייסן אז דער אמת איז אזוי ווי איר זאגט אז דאס הייסט טאקע תורה, אבער מיר קענען דאך נישט!" שוין, האט ער א תירוץ, איך ווייס נישט צו ער וועט האבן למעלה דעם תירוץ, אבער דא האט ער א תירוץ אז ער קען נישט. מיר האבן דאך נישט די מעשים, מיר זענען דאך נישט קיין פארקויפטע מענטשן, דארף מען מאכן זיך א גרויסע קביעות אין לימוד הלכות.

'אורח חיים' ווייל עס איז דיר מער נוציג דארף מען דאס לערנען אביסל מערער, דאס איז א באזונדערע זאך, אורח חיים דארף מען תמיד לערנען א שיעור. אבער

תורה איז דען דער פשט נאר ווייל עס איז נוציג פאר מיר?! אז עס איז נישט נוציג פאר מיר איז עס נישט קיין תורה?![כז]

(ר' מאיר קארליבאך: יורה דעה איז אויך נצרך יעדן טאג!) **אבער אפילו נישט, אפילו עס איז נישט נוציג, אז איך לערן א סעיף אין 'הלכות גיטין' צו 'הלכות חליצה', עס איז דאך תורת ה', וואס א נפקא מינה?! וואס א נפקא מינה צו גמרא יבמות, צו גמרא בבא קמא, צו גמרא ברכות, וואס איז דאס א נפקא מינה אין תורת ה' וואס איך לערן?!**

(השואל: קענן א 'דין קדימה' איז יא דא א נפקא מינה?) **'קדימה' איז דער פשט צו זאגן, אז עס קען נישט זיין ביידע - וועלכע איז פריער, אבער אז עס קען זיין ביידע איז נישט שייך צו זאגן דער ווארט קדימה, עס קען דאך זיין ביידע, מיר זאגן דאך אז אורח חיים דארף מען לערנען תמיד.**

(ר' מאיר: יורה דעה דארף מען אויך לערנען תמיד, יורה דעה איז כמעט אלע הלכות אונזערע!) **רעדן מיר, אז די גאנצע תורה דארף מען לערנען! קדימה? דער קרבן תמיד איז געווען פארן קרבן מוסף, אבער קרבן מוסף האט מען אויך מקריב געווען.**

(השואל: דער רבי האט דאך געהאלטן מען זאל לערנען כסדר, ניין?) **יא, דער רבי האט געהאלטן מען זאל לערנען כסדר, נאר אורח חיים אליין קען מען זאגן, דארף מען** (כסדר) **לערנען, אבער דאס איז א באזונדערער שמועס.**

**אז איך האב געענדיגט דעם אורח חיים, הויב איך אָן יורה דעה. יורה דעה ענדיגט זיך ביי פורים, 'וטוב לב משתה תמיד' - זאגט דער רמ"א. הויבט מען אָן יורה דעה.**

---

[כז] עיין בשו"ע הרב הל' תלמוד תורה פרק א' סעיף ד': "ואפילו אינו יודע ללמוד כלל בעצמו **חייב הוא** מן התורה לשכור לו מלמד **שילמדנו היטב לידע כל התורה** שבכתב ושבע"פ כולה דהיינו תנ"ך וכל הלכות פסוקות של כל התורה עם הטעמים כי הן הן פירוש התרי"ג מצות שבתורה ודקדוקיהם בכל פרטיהם ואף שיש בהן חלוקי דעות הרי אלו ואלו דברי אלהים חיים. **ואפילו המצות שאין נוהגות עכשיו**". ובהמשך שם כתב בזה"ל: "**וכן אמרו חכמי האמת שכל נפש מישראל צריכה לבא בגלגולים רבים עד שתקיים כל התרי"ג מצות במעשה דיבור ומחשבה. ודיבור ומחשבה הוא לימוד הלכותיהן** על דרך שאמרו חכמים על פסוק 'זאת תורת החטאת' וגו' שכל העוסק בתורת חטאת כאילו כו'".

אז דער איבערשטער וועט העלפן, איך וועל אפלערנען יורה דעה און חושן משפט און אבן העזר, וועל איך נאכאמאל אנהויבן אורח חיים כאטש איך האב א (כסדר'דיגער) שיעור אין אורח חיים. אנהויבן אורח חיים און ענדיגן אורח חיים, און ווייטער גיין צום יורה דעה. מיר האבן אסאך צייט, און מיר קענען טאקע געבן א גרויסן זמן אויף לימוד הלכות.

❖

## דריי הלכות ברורות

אז עס קומט צו דער זאך בין איך אסאך מאריך אין דעם שמועס. עס איז מיר טאקע קשה, מיר ווערן דאך אנגערופן אויף דעם נאמען, מען האט אמונה אין דעם רבי'ן, פארוואס זאלן מיר נישט אזוי מקיים זיין (דער זאך)?!

רבי נתן האט דאך אויסגערעכנט[כח] דארטן די דריי זאכן וואס עס קומט אויס פון רבי'ן אז די דריי זאכן הייסן, 'משפט'. 'שולחן ערוך' איז משפט, 'התבודדות' איז משפט, און 'ראש השנה' איז משפט. (ר' מאיר: און חצות?) רבי נתן האט אויסגערעכנט

---

[כח] עיין ביאור הליקוטים סימן ס"א, אות ס"א: "אגב אורחא הנני להציג מה ששמעתי מאבי ז"ל בשם מורנ"ת ז"ל, **שלא נמצא לו בירור ההלכה והמשפט הנ"ל, זולת בג' דברים. חיוב ללמוד הפוסקים בכל יום ויום.** וחיוב התפלה והבקשה, לחדש בה בכל יום כפי מה שעובר עליו. וחיוב אסיפת הנפשות בראש השנה למקום גניזתו הקדושה, עד כאן לשונו. **והנראה לעניות דעתי, שהן הן הג' דברים המוכרחים בכל איש ואיש, לבקש ולחפש עליהם לכלליות עצותיו והנהגותיו המוכרחים לו.** כי **לימוד הפוסקים**, הוא מה שעסקו [של] כל אחד עד מקום שידו מגיע, לברר ולמצוא גם עתה, **בירור ההלכה** שבכללות **המשפטי** אמת וההנהגות והדינים הנ"ל. **והתפלה**, היא הסגולה העיקרית להזדכך מהתאוות ועשן עכירות הגוף, העולה אל המוח לבלבלו ולהתעותו מבירור **המשפט** והעצה הנ"ל [גם אם ירצה ויתאוה לפעמים לעשות רצונו יתברך]. וכן נמשך ועולה העשן הזה מהגוף אל המוח, שבכללות הנפשות [שהוא המנהיג שבהם כנ"ל], להיות גם עליו בעצמו, קשה וכבד בעת הזאת, להבין ולהשכיל בעצם בירורי ההנהגות והמשפטים המוכרחים לכל איש ואיש, בכל יום ויום כנ"ל. ועם כל זאת, גדול ועצום **מעלת ראש השנה** הנ"ל, שמשם כל המשכת תיקוני היום כפורים, לבא בקודש הקדשים שבביאור ההלכות הנ"ל. [וכבר ביארתי במקום אחר, שמחמת זה מוכרח שיהיה כל עיקר הבקשה והתפלה הנ"ל, לבקש ולחפש ולהתפלל להתגלות ומציאות הצדיק והפלא יועץ הנ"ל בעצמו. כי על ידו לבד, יהיה ביכולת להזדכך מתכלית התגברות הטנופת שבאחרית הימים האלה, ולהתעלות זה לעומת זה לתכלית הבירור והוצאות **המשפט** לאור הנ"ל]".

דריי זאכן וואס די דריי זאכן איז אים א בירור: 'הלכות', 'התבודדות', און 'ראש השנה'. די דריי זאכן איז משפט.

❖

## פארוואס לערנט מען מיר נישט?

(ר' מאיר: אין אונזער ישיבה אין בני ברק לערנט מען אויך נישט אזוי ווי דעם רבי'נס גאנג!) **יא, הער זיך איין, אין ישיבה קענען מיר נאך נישט זאגן אזוי שארף, אפילו ביי אונזערע ישיבות קען מען אויך נאכנישט זאגן; פארוואס? ווייל מיר זענען נאך אויך תלוי אין דער וועלט, מען נעמט געלט פון דער וועלט, מען וויל דאך עס זאל זיין א בחור מער, מען איז נאך אביסל פארקויפט. אבער אז דער אויבערשטער העלפט ער איז שוין נאך דער חתונה, אפילו ער האט א כולל וואס ער האט דארטן דעם ערשטן האלבן טאג 'בשר וחלב', אבער ער איז שוין א בן חורין, ער קען שוין אפרייסן עטליכע שעה אויף צו לערנען** (בדרך רבינו)**, דעם אנדערן האלבן טאג איז ער שוין פריי, קען ער שוין לערנען וואס ער וויל, קען ער שוין אפרייסן א זמן אויף לימוד הלכות.**

**נישט נאר הלכות, אפילו דער לימוד פון גמרא פאלגט מען אויך נישט דעם רבי'ן, דער רבי האט געהאלטן מען זאל לערנען ש"ס כסדר, ענדיגן און אנהויבן, ענדיגן און אנהויבן, עס איז דא צייט דערויף אויך, נאר מען זאל היטן די צייט און האבן א ביטול צום רבי'ן**[כט]**.**

**פשוט, מען האט נישט קיין ביטול צום רבי'ן, מען האט נישט קיין ביטול אז מען דארף אים פאלגן, א דריי אהין, א דריי אהער, מען דרייט א קאפ - דאס איז דאך דיינער א רבי, וואס האסטו מורא? אז מען וועט דיר לעתיד פרעגן א דין וחשבון**

[כט] עיין בשיחות הר"ן אות ע"ו: "**ופעם אחד חשב רביז"ל מה שהאדם צריך ללמוד בכל יום עד שאין היום מספיק. דהיינו לגמור בכל שנה ש"ס עם הרי"ף והרא"ש, וארבעה שולחן ערוך הגדולים, וכל המדרשים כולם, וכל ספרי הזהר ותיקונים וזהר חדש, וכל ספרי קבלה מהאריז"ל.** גם צריכין ללמוד איזה שעור ביום בקצת עיון. ועוד חשב הרבה דברים. גם צריכין לומר תהלים בכל יום, ותחנות ובקשות הרבה הרבה. ואז ספר הרבה מענין זה שצריכין ללמד במהירות גדול ובזריזות ולבלי לבלבל דעתו בדקדוקים הרבה מענין לענין. והדברים הללו הם בדוקים ומנוסים".

פארוואס האסטו אזוי געטוהן? ווען ‏‏..… ווערסטו זאגן: 'דער רבי האט מיר געהייסן!' איך האב געפאלגט דעם רבי'ן, שוין, ער האט מיר געהייסן! פארוואס האסטו נישט קיין מורא אז מען וועט דיר פרעגן אויף התבודדות - 'פארוואס האסטו גע'בטל'ט, דו האסט דאך געקענט אין דער שעה לערנען'?! דו האסט נישט קיין מורא, דו ביסט נישט מסופק אין דער זאך אז חלילה עס זאל הייסן עפעס א ביטול זמן. דא דארפסטו אויך וויסן אז דאס איז אזוי, "הם אמרו והם אמרו".

(השואל: פון איינמאל לערנען געדענקט מען דאך אבער גארנישט, לפי דעם רבי'נס סדר טאר מען אפילו נישט איבערלערנען, נאר ממש אז מען ענדיגט א מסכת דארף מען גיין ווייטער?) ניין, ניין, איך זאג נישט אזוי שארף[ל]. מיר רעדן פון די ישיבה'שע מסכתות, עס איז דא דארטן זיבן צו אכט מסכתות, דאס לערנט מען, און שוין. מסכת שבת לערנט מען דארט? (אחד הנוכחים: עס ווענדט זיך וועלכע ישיבה!) אבער עירובין דאכט זיך, נישט. געוואלד, געוואלד, עירובין! ווייטער, פסחים איז יא (פון די ישיבה'ישע מסכתות). נאך פסחים גייט שקלים, שקלים איז א ירושלמי, נאכדעם גייט יומא, ביצה, סוכה, ראש השנה, מגילה, תענית, מועד קטן, חגיגה - קיינמאל נישט געלערנט.

---

[ל] עיי"ש בשיחות הר"ן: "גם לא היה מצוה לחזור תיכף על למודו רק רצונו תמיד היה ללמוד הספר או הפוסק שלומד כסדר מראשו לסופו בזריזות, ואחר כך יתחיל פעם שני ויגמור אותו כולו. וכן פעם אחר פעם".

מען זאגט אזוי, אז דער קב הישר[לא] צו דער ראשית חכמה[לב] רופט עס אָן, 'עלובה כלה' - די פארשעמטע כלה, די מסכתות זאגן צום אויבערשטן, פארוואס לערנט מען אונז נישט?![לג]

(אחד הנוכחים: ביי אונז אין ישיבה איז געווען א ראש ישיבה, ער איז געווען אין סאטמאר אין ניו יארק יארן לאנג, האט ער דערציילט אז דער סאטמאר'ער רב האט קיינמאל נישט געוואלט אויסלאזן א גמרא, אז ער האט אנגעפאנגען א מסכתא האט ער עס געמוזט ענדיגן, מען האט געלערנט בבא בתרא דריי יאר נאכאנאנד אין ישיבה, די בחורים זענען שוין צעפלאצט געווארן, ער האט נישט געוואלט אויסלאזן, פארשעמען א בלעטל...) **יא, דאס איז א זאך, ענדיגן דער מסכתא, אבער פארוואס האט מען גענדארפט לערנען דריי יאר איין מסכתא? מען האט נישט געקענט לערנען צוואנציג מסכתות אין דריי יאר? איי איי איי...** (אחד הנוכחים: דאס איז שיעור עיון!)

---

[לא] עיין שם פרק כ"א: ראה מה דאיתא **במדרש משלי** "ר' ישמעאל אומר אוי לאותה הבושה וכלימה. בא לו מי שיש בידו מקרא ולא משנה, הופך הקב"ה פניו ממנו, ומצירי גיהנם מתגברין בו כזאבי ערב, והם נוטלין אותו משליכין אותו לגיהנם. בא מי שבידו שני סדרים **הקב"ה אומר לו. בני, הלכות למה לא שנית?** אם אומר הקב"ה הניחוהו, מוטב. ואם לאו, עושין לו כמעשה הראשון. בא מי שיש בידו הלכות, אומרים לו. בני, תורת כהנים למה לא שנית, שיש בו טומאת שרצים וטהרתן, טומאה וטהרת נגעים, טומאה וטהרת בתים, זבים, ויולדות, נדה, סדר וידוי של יום הכפורים, דיני ערכין, רוב דיני ישראל שהן גופי התורה הנאמרים בפ' קדושים, דיני הקרבת קדשים, דיני שמיטות ויובלות. אם אומר הקב"ה הניחוהו, מוטב. ואם לאו, עושין לו כמשפט הראשון. בא מי שיש בידו מקרא, ות"כ ה' חומשי תורה למה לא שנית, שיש בהן ק"ש, והרבה מצות, תפילין, מזוזה וכו'. בא מי שיש בידו כל הנ"ל ... **הקב"ה אומר מ"ט לא למדת גמרא שנקרא תלמוד. וע"ז נאמר 'כל הנחלים הולכין אל הים, והים איננו מלא' - זה גמרא** ... עד כאן. הנה מי זה האדם אשר יוכל לעמוד בחקירות אלה. ועל זה אמרו רז"ל, "אוי לנו מיום הדין ואוי לנו מיום התוכחה". אמנם אעפ"כ אל יתרשל ואל יתעצב לב האדם, כי הקב"ה בוחן לב וחוקר כליות בראותו דכוונתו הוא לדבק בטוב, ונפשו חשקה בתורה ובמעשים טובים, ושעת הדחק גורמת למעט, ע"ז אמרו רז"ל א' המרבה וא' הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשם שמים". גם עיי"ש פרק י"ט: "**ובעבור כן אם עבר האדם מעוה"ז בלתי השלים איבריו בעשי' ובלימוד הנזכר אז היא משיבת נפש, שהנשמה היא חוזרת לבא עוד פעם בגלגול לעוה"ז וצריכים להתגלגל באדם אחר כדי שישלים חוק' ולמלאות החסרון. ובהיו' כן יתבונן האדם בעצמו שהראוי ונכון אצלו שלא להתעצל בלימוד התורה וקיום המצות מאי דאפשר, כי מי יודע מה יוליד יום**". גם עיי"ש בפרק נ"ג: "**צריך האדם ללמוד הלכה בכל יום, ויכוין לדייק היטב ולהסיר לפי שכלו כל הקושיות שבה, ובזה הוא מסיר מן השכינה כל הקליפות ומקַשטה בקישוטין, כי אותיות 'הלכה' הן אותיות 'הכלה'**".

[לב] עיי"ש בהקדמה לספרו שמעתיק ג"כ מדרש משלי הנ"ל.

[לג] עיין ספר חסידים סימן רס"א.

## געענדיגט הונדערט מיט איין מאל ש"ס!

דער הרב בענגיס[לד] איז געווען א גרויסער גאון. רבי איסר זלמן מעלצער איז געווען זיינער א תלמיד, ער האט אים טאקע מספיד געווען, ער האט אים אנגערופן "רבי", ער האט ביי אים געלערנט. איז דער הרב בענגיס האט פאר דער הסתלקות געזאגט, ער איז מסיים הונדערט-מיט-איין מאל ש"ס!

פרעגט זיך די קשיא, ער איז דאך געווען א וועלט'ס גאון, א ליטווישער גאון געווען, און ער האט געהאט אזא לימוד פון לערנען אזויפיל מאל ש"ס. (השואל: גמרא רש"י, צו מיט תוספות?) איך וויים נישט, קיין ליגענער איז ער נישט געווען, פאר דער הסתלקות זיך בארימען...

(אחד הנוכחים: עס שטייט שוין געשריבן!) איך האב געהערט פון די מענטשן וואס האבן דאס געהערט פון אים אליין!

דאס איז דאך פשוט 'לערנען'! קען מען זאגן ווייל ער איז געווען א גרויסער למדן און א גרויסער רגיל האט זיך דאס שוין (געלערנט). אבער דאס הונדערט-און-איין מאל ש"ס איז נישט געווען קיין עיון, פשוט אז עס איז געווען בקיאות, עס קען דאך נישט זיין קיין עיון אזויפיל מאל. ער איז דאך געווען א גדול פון די גאונים, האט ער מסתמא געהאט אַן עמקות'דיגן שיעור באזונדער, אבער דערווייל האט ער דאך מסיים געווען הונדערט-און-איין מאל ש"ס, האט ער דאך געלערנט.

ער איז אלט געווען עטליכע און ניינציג יאר, קומט דאך אוים, וועלן מיר זאגן אז ער האט דאס אנגעהויבן לערנען, איך וויים? פון די צוואנציג צו פון די פופצן יאר, האט ער אכציג יאר געלערנט הונדערט-און-איין מאל ש"ס, האט ער דאך געלערנט

---

[לד] שמו המלא: רבי זעליג ראובן בענגיס זצ"ל. נולד י"א סיון תרכ"ד בעיירה סמוכה לווילנא שבליטא. שימש שם במשרת הרבנות בכמה עיירות. בשנת תרצ"ח עלה לארץ ישראל לכהן בתור ראב"ד העדה החרדית בירושלים. לאחר פטירת המהרי"ץ דושינסקיא זצ"ל י"ד תשרי תש"ט מונה תחתיו בתור גאב"ד (השלישי) בעדה החרדית ירושלים. נסתלק ז' סיון תשי"ג.

דורכן יאר מער ווי איין מאל ש"ס! איך ברענג דיר א ראיה אז אפילו א ליטווישער גאון האט אויך געהאט אזא מין סארט זאך (אין לערנען).

(השואל: עס איז אַן עוולה אז מען לערנט למשל עירובין איינמאל און דערנאך א צווייטע מאל? מען דארף גיין ווייטער?) מיר רעדן נישט קיין עוולות, מיר רעדן, 'פארוואס האב איך נישט עירובין שוין געלערנט צעהן מאל?!' - דאס רעד איך, פארוואס האב איך נישט געלערנט שבת אזויפיל מאל?! פארוואס דארף איך לערנען איין מאל און שוין, געענדיגט, פארוואס בין איך שוין נישט איבערגעגאנגען צען מאל עירובין? דעמאלט וואלט איך שוין געקענט לערנען עירובין גליידך! איך וואלט שוין געווען א בקי, איך וואלט שוין געוואוסט וואס עס טוהט זיך אין עירובין! מען האט נאך קיינמאל עירובין נישט געלערנט, עס איז עפעס אזא באהאלטענע זאך, א מסכת פון קדשים, איך וויים גארנישט דערפון, עס איז עפעס א מסכתא פון עלמא דאתי... נאך קיינמאל נישט געלערנט, געוואלד עס איז דאך תורה! געוואלד - וואס א נפקא מינה?!

וויבאלד מיר הויבן איצטער אָן רעדן דערפון האט מען שוין וואס צו פרעגן... איך וויים נישט, 'פארוואס האסטו נישט געלערנט צען מאל דו זאלסט שוין יא וויסן?!'...[לה]

[לה] עיין שיחות הר"ן אות ע"ו: "וסיפר עמנו הרבה בענין זה שטוב ללמוד במהירות ולבלי לדקדק הרבה בלמודו. רק ללמוד בפשיטות בזריזות. ולבלי לבלבל דעתו הרבה בשעת למודו מענין לענין רק יראה להבין הדבר בפשיטות במקומו. ואם לפעמים אינו יכול להבין דבר אחד, אל יעמוד הרבה שם ויניח אותו הענין וילמוד יותר להלן. **ועל פי הרוב ידע אחר כך ממילא מה שלא היה מבין בתחילה כשילמוד כסדר בזריזות להלן יותר.** ואמר: שאין צריכין בלימוד רק האמירה לבד, לומר הדברים כסדר, וממילא יבין. ולא יבלבל דעתו בתחילת לימודו שירצה להבין תיכף ומחמת זה יקשה לו הרבה תיכף ולא יבין כלל רק יכניס מחו בהלימוד ויאמר כסדר בזריזות וממילא יבין. ואם לא יבין תיכף - יבין אחר כך. ואם ישארו איזה דברים שאף על פי כן לא יוכל לעמוד על כונתו, מה בכך? כי מעלת רבוי הלימוד עולה על הכל, וכמו שארז"ל (שבת סג.): **'לגמור והדר לסבר ואף על גב דלא ידע מה קאמר' שנאמר** (תהלים קי"ט כ): "**גרסה נפשי לתאבה**" וכו'. כי על ידי רבוי הלימוד שילמוד במהירות ויזכה ללמוד הרבה, **על ידי זה יזכה לעבור כמה פעמים אלו הספרים שלומד, לגמרם ולחזור להתחיל ולגמרם פעם אחר פעם. ועל ידי זה ממילא יבין** בפעם השני והשלישי כל מה שלא היה מבין בתחילה, כל מה שאפשר להבין ולעמוד על דבריהם. ודבר הרבה מאד בענין זה. ואי אפשר לבאר דברים אלו בכתב היטב. אבל באמת הוא דרך עצה טובה מאד בענין הלימוד. כי על ידי זה יכולים לזכות ללמוד הרבה מאד לגמור כמה וכמה ספרים וגם יזכה להבין הדברים יותר, מאשר היה לומד בדקדוק גדול כי זה

## ווי קומט צו דיר 'העור והרוטב'?

דאס האב איך יא געזעהן, מענטשן, נישט קיין גרויסע לומדים, און זיי זענען געווען אין בקיאות מער ווי גרויסע לומדים! עס איז דא א פרק 'העור והרוטב', דאס איז אין חולין, א שווערער פרק פון טומאה וטהרה גאר, און א פראסטער בעל הבית וואס איז גארנישט געווען קיין למדן, איז ער געווען קלאר אין (דעם פרק) 'העור והרוטב', אין טומאה וטהרה, און דער אנדערער איז געווען א רב, איז ער געשטאנען, זיך אנגעכאפט ביים קאפ: 'העור והרוטב – ווי קומט דאס צו דיר?!' דער תירוץ איז, ער האט געלערנט אזוי ווי מען דארף, איז ער אין העור והרוטב קלאר געווען. און ער איז געווען א רב – דער רב דארף נישט האבן דארטן טומאה וטהרות[לו] (כדאי צו זיין א רב).

זעה איך ארויס דערפון, דער ענין פון לימוד התורה איז א לימוד פון תורה הקדושה, איך דארף לערנען תורה! ווער ווייסט צו איך וועל זאגן טויזנט מאל אביי ורבא צו דאס וועט מיר נישט מטהר זיין מיין נפש, ווער ווייסט?! טויזנט מאל אביי ורבא דאס איז מיר א טהרת הנפש מער ווי איך וועל קוועטשן דעם בלאט גמרא ביז – – –

❖

מבלבל מאד מן הלימוד. וכמה בני אדם פסקו מלמודם לגמרי על ידי רבוי הדקדוקים שלהם. ומאומה לא נשאר בידם. **אבל כשירגיל עצמו ללמוד במהירות כנ"ל בלי דקדוקים הרבה, התורה תתקיים בידו, ויזכה ללמוד הרבה מאד, גמרא ופוסקים כולם, ותנ"ך ומדרשים וספרי הזהר וקבלה ושאר ספרים כולם.** וכבר מבואר (לעיל כ"ח) שיחתו של רביז"ל שטוב לאדם שיעבור בחייו בכל הספרים של התורה הקדושה".

[לו] עיין טעם זקנים קונטרס ס"א: עס איז געווען איינער א פראסטער מענטש, און עס איז געווען דארטן דער "חארקוב'ער רב". און דער רב האט גערעדט פון א סוגיא בפרק 'העור והרוטב', אין מסכת חולין, האט יענער זיך אנגערופן (פשט) אין דעם פרק 'העור והרוטב' אין 'חולין'! דער פרק איז פון עניני טומאה, א שווערער פרק. האט ער געזאגט (הרב מחארקוב): "**וואס איז דאס! ווי קומט צו דיר 'העור והרוטב'?**" זאגט ער, "**איך לערן!**".

אט דאס האבן מיר גערעדט תמיד, אז דאס ענין פון רבי'נס זאך איז נאר נעמען דעם רבי'נס זאך - א וועג פון תמימות ופשיטות אָן קיין שום חכמות.

**דער רבי האט געזאגט: "אין מיין זאך וועט אויך זיין אמאל חכמות!"**[לז]

טאמער וועל איך וועלן אמאל דרייען אין רבי'נס זאך, קען איך מאכן א גערדריי, האב איך שוין וואס צו דרייען, אבער דאס תמימות האב איך נישט! איך האב נישט דאס תמימות! א ברסלב'ער חסיד וואס ער גלויבט אינעם רבי'ן און ער איז שוין א יונגערמאן, דארף ער לערנען אזוי ווי דער רבי האט אים געהייסן און פארלאזן זיך אז ער וועט מאכן גוט בגשמיות וברוחניות, און לעתיד וועט ער אויך זיך נישט שעמען מיט דער זאך! פשוט, פארלאזן זיך אויפן רבי'ן, פארלאזן זיך אויפן רבי'ן!

❖

## מיין נת'עלען הייסט ער לערנען משניות?

דער רבי האט געזאגט צו רבי נתן'ען (בתחילת התקרבותו) ער זאל אפלערנען אכצן פרקים משניות (יעדן טאג), האט ער געפאלגט דעם רבי'ן, ער האט געלערנט אכצן פרקים משניות. רבי נתן איז דאך געווען א גאון עולם, האט דער טאטע געזאגט: "מיין נת'עלען הייסט ער לערנען אכצן פרקים משניות?!"

וואס ליגט אין אכצן פרקים משניות א טאג? ווייזט אויס - איך זאג נישט אז דאס איז עס (אבל אפשר לומר כן), דער רבי האט אים געוואלט ווייזן אַן אמת אין דער תורה הקדושה; 'דו ביסט דאך א למדן, אט דאס איז אַן אמת אין דער תורה הקדושה, אז אלע חודש גייסטו איבער די ששה סדרים משניות'.

(השואל: ער האט כל ימיו אזוי געלערנט?) איך ווייס נישט. דאס ווייסט מען, דער רבי האט אים געהייסן לערנען אכצן פרקים משניות, צו אויף אייביג צו נישט - ווייס איך

---

[לז] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות קע"ט.

נישט. אבער נעמען א יונגערמאן, א גאון, וואס אים ווארפט זיך דורך - - ער איז דאך געווען אַן איידעם ביי דעם גרויסן רבי דוד צבי, מיט גאונות און צדקות און אלעס, נעם דעם יונגערמאן, זאג אים 'לערן אכצן פרקים משניות' - פאר א למדן הייסט עס אזוי ווי א ביטול, איך ווייס? ער בטל'ט די צייט, וואס? וואס ווילסטו פון אים האבן? ער קען דאך לערנען, פליען אין די עולמות (מיט לומדות).

דער רבי האט געזעהן דערינען ברוח קדשו אז דאס וועט אים אריינברענגען מער אמת אין תורה. דער רבי האט אים מסתמא געגעבן אין לימוד אויך אזוי, ער האט אים געהייסן לערנען "עץ חיים", דארטן האט אים דער רבי אויך געזאגט, "פינטלעך"[לח].

די תורה הקדושה איז[לט]: "תּוֹרַת אֱמֶת הָיְתָה בְּפִיהוּ". טאקע אין דער תורה פון 'ימי חנוכה' רעדט דער רבי דא פון די דריי שמות 'א-ל' 'אלקים' 'ה'', (שהם בחינת 'תפילה' 'תורה' 'שידוכים', (שבכולם מאיר הדיבור על-ידי בחינת אמת:) ביי '**תפילה**' שטייט "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ **בֶאֱמֶת**", און תורה איז אויך **אמת** (כמו שכתוב:) 'תּוֹרַת אֱמֶת הָיְתָה בְּפִיהוּ', און ביי שידוכים שטייט[מ]: "אֲשֶׁר הִנְחַנִי בְּדֶרֶךְ אֱמֶת". עס ליגט עפעס אַן אמת אין דער תורה צו לערנען אזוי ווי מען הייסט אונז לערנען! עס ליגט עפעס אַן אמת אין דער תורה!

דער "בְּהִתְהַלֶּכְךָ תַּנְחֶה אֹתָךְ"[מא] - אז דו גייסט אין דעם עולם, פירט זי דיר, "בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ", די תורה היט מיר. 'בשכבך', זאגט רש"י, 'בקבר'.

---

[לח] עיין טעם זקנים שם: דער רבי האט געהייסן ר' נתנ'ען לערנען 'עץ חיים'. ר' נתן האט קיינמאל נישט געלערנט קיין 'עץ חיים' [איידער דער רבי האט אים געהייסן לערנען 'עץ חיים' האט ער אים געהייסן ער זאל לערנען אלע ארבעה שלחן ערוך'ס]. האט ר' נתן געזאגט "**איך ווייס נישט, איך ווייס נישט! איך האב דאך קיינמאל נישט געלערנט קיין עץ חיים!**". האט אים דער רבי אזוי געזאגט: "**דו לערן, אז דו וועסט נישט וויסן, וועסטו מאכן א 'פינטעלע', אז ס'וועט קומען דאס אנדערע מאל, וועסטו שוין האבן ווינציגער 'פינטעלעך'!**".

[לט] מלאכי ב, ו.

[מ] בראשית כד, מח.

[מא] משלי ו, כב.

"וַהֲקִיצוֹתָ" - בעת התחיה, "הִיא תְשִׂיחֶךָ" - זי וועט רעדן פאר דיר, מיינט מען דעם לימוד אזוי ווי דער רבי הייסט לערנען!

נאר וואס דען, דער רבי אליין זאגט דאך מען זאל האבן א שיעור עיון אויך, אבער נישט דאס אליין, מיר זענען מחויב צו לערנען תורה הקדושה, לערנען, גיין, גיין.

❖

## אין מיין זאך וועט אויך זיין חכמות

(ר' מאיר: וואס האט דער רבי געזאגט: אין מיין זאך וועט אויך זיין חכמות?) **יא, חכמות, פארדרייען, עפעס א לשון פון חכמות.**

דער רבי האט דאך גערעדט וועגן רבי אברהם ר' נחמן'ס עלטער זיידע ר' ישראל, דער רבי האט געזעהן ער גייט מיט חכמות (כשראה אותו מעורב באיזו בוררות), האט דער רבי א זאג געגעבן צו ר' ראובן יוסל'ען: "דיין טאטן'ס חכמות וועלן אים פארטרייבן!"

(ר' מאיר: דער רבי האט געזאגט: 'אין מיין זאך וועט אויך זיין חכמות'?) **דאכט זיך עס איז דא עפעס אזא דיבור – דארף איך מברר זיין. 'אין מיין זאך וועט מען קענען גיין מיט חכמות'.**

האט דאך דער רבי אויך נישט געהאלטן אז מען גייט מיט חכמות; אָן קיין שום חכמות, גיי בפשיטות ובתמימות. דו האסט א ביטול צום רבי'ן? דו ביסט א חסיד? זאלסטו אים פאלגן זיין תמימות אויך! האב נישט קיין מורא, האב נישט קיין מורא – פאלג! פאלג אים! פארוואס האסטו מורא?!

❖

(השואל: דער רבי זאגט: "גם צריכין ללמוד איזה שיעור ביום בקצת עיון"!) **יא יא**[מב]**, עס איז דא אויף אלעם צייט. אז מען זאל היטן די צייט, האבן מיר אויף אלעם צייט, מיר האבן צייט אויף בקיאות, מיר האבן צייט אויף עיון, מיר האבן צייט אויף תפילה, מיר האבן צייט אויף התבודדות, מיר האבן אויף אלעם צייט.**

(השואל: דער רבי זאגט "בקצת עיון", וואס איז טייטש "קצת", אביסל מעיין זיין, צו אביסל צייט פאר עיון?) **אביסל צייט! דער רבי זאגט דאך אין תורה ס"ב 'מה שהגביל השם יתברך לשכל האנושי שיוכל להבין' דארף מען שארפן זיין דעם שכל, מען איז מחויב מחדד זיין דעם שכל**[מג]**.** (אחד הנוכחים: אין תורה ק"א זאגט אויך דער רבי "עיון התורה"![מד])

❖

## שמעון'לע, וואס ביסטו אזוי אומעטיג?

**א ליטווישער גאון, הרב בענגיס, זאל אפלערנען אין זיין לעבן הונדערט און איין מאל ש"ס?!...**

(אחד הנוכחים: דער ראגאטשאווער עילוי האט דורכגעלערנט זעקס הונדערט מאל ש"ס!!!) **זיין איידעם האב איך געזעהן, זיין איידעם איז געווען אין מאסקאווע, האב איך געקענט זיין איידעם**[מה]**.**

---

[מב] שיחות הר"ן ע"ו.

[מג] וזל"ש בא"ד: **"כִּי הָאֱמֶת, מַה שֶּׁהִגְבִּיל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לַשֵּׂכֶל הָאֱנוֹשִׁי שֶׁיּוּכַל לְהָבִין, הוּא מִצְוָה גְּדוֹלָה לְחַדֵּד הַשֵּׂכֶל, לְהָבִין הַדָּבָר עַל בֻּרְיוֹ**, וְעַל זֶה נֶאֱמַר (אָבוֹת פֶּרֶק ב): 'וְדַע מַה שֶּׁתָּשִׁיב לְאֶפִּיקוֹרוֹס'".

[מד] וזל"ש בא"ד: "**מִי שֶׁלּוֹמֵד בְּעִיּוּן, שֶׁמְּעַיֵּן וּמֵבִין חָכְמוֹת הַתּוֹרָה**, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת אַנְפִּין נְהִירִין, בְּחִינַת (קֹהֶלֶת ח): "חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו", עַל יְדֵי זֶה מַעֲבִירִין מִמֶּנּוּ עֹל מַלְכוּת וְעֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ, כִּי נִתְבַּטֵּל מִמֶּנּוּ הַשִּׁעְבּוּד וְהַתַּאֲווֹת וְהַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלָּהֶם, שֶׁהֵם בְּחִינַת אַנְפִּין חֲשׁוּכִין, עַל יְדֵי שֶׁקִּבֵּל עָלָיו עֹל תּוֹרָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת אַנְפִּין נְהִירִין כַּנַּ"ל ... וְעַל כֵּן **כְּשֶׁזּוֹכֶה לְעַיֵּן בַּתּוֹרָה**, עַד שֶׁמַּשִּׂיג חָכְמוֹת הַתּוֹרָה, שֶׁאֲזַי הוּא בִּבְחִינַת אַנְפִּין נְהִירִין, אָז נִכְנָעִין הַמִּדּוֹת וְהַתַּאֲווֹת שֶׁל הָעַכּוּ"ם, שֶׁנֶּאֱחָזִין בִּבְחִינַת אַנְפִּין חֲשׁוּכִין כַּנַּ"ל.

[מה] נראה שכוונתו לחתנו הרב אבא דוד גאלדפיין ז"ל ששימש כרב העיר במאסקאווע.

מען זאגט אויפן "שאגת אריה" אז אין איין שעה האט ער געהאט א רעיון פון גאנץ ש"ס איבערגיין, אין איין שעה האט זיך אים דורכגעווארפן גאנץ ש"ס.

❖

איך בין געפארן אמאל מיט הרב וואזנער צוזאמען פון בני ברק קיין ירושלים, האט ער מיט מיר גערעדט אסאך, האט ער גערעדט מיט מיר פון הרב (רבי מאיר) שפירא (מייסד וראש ישיבת "יח"ל" - י'שיבת ח'כמי ל'ובלין). האט ער מיר געזאגט, עס איז געווען דארטן רבי שמעון'לע זעליכאווער[מ], ער איז געווען דער ראש ישיבה זיינער ביי הרב שפירא. (ר' מאיר: הרב וואזנער'ס רבי!) יא, יא. ער איז געווען עפעס א געוואלדיגער סארט גאון.

האט ער מיר דערציילט, אז דער ר' שמעון'לע איז געזעצן אמאל אזוי אומעטיג ביי הרב שפירא, זאגט אים הרב שפירא: "שמעון'לע, וואס זענט איר אזוי אומעטיג?" זאגט ער אים: "איך האב שוין נישט דעם גאנג אין לערנען אזוי ווי פריער; איך האב פריער געקענט איבערגיין גאנץ ש"ס מיט שיטת רבינו תם, גאנץ ש"ס מיט שיטת הרשב"א, איצטער האב איך עס נישט..." גאנץ ש"ס איבערגיין מיט זייער שיטה - אזא גאונות! איבערגיין גאנץ ש"ס מיט שיטת רבינו תם! ער האט געהאט אזא מין גאנג אין לערנען, אזוי שארף איז ער געווען.

ר' אלחנן (ספעקטער) האט מיר דערציילט, רבי שמעון'לע (זעליכאווער) האט אים געזאגט: "איך האב געקענט אייער'ן א חסיד א גאון בנגלה ובנסתר!" - ר' אברהם ר' נחמן'ס האט ער געקענט. ער איז געווען א באהאלטענער - ר' אברהם ר' נחמן'ס.

❖

---

[מ] שמו המלא: רבי אברהם שמעון הלוי ענגל-הורוויץ. שימש כראש ישיבה ומשגיח רוחני בישיבת יח"ל. תורתו ומכתביו כונסו בספר בשם "נהרי א"ש". התנגד בחריפות לשיטת הפלפול ודרש ללמוד אך ורק לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא ולהיות בקי בתנ"ך ומשניות ובתלמוד על הסדר (נהרי אש מאמר א'). נעקד"ה במחנות ההשמדות בקיץ תש"ג.

## מען זאל אים געבן? וואס עפעס?

דאס איז דער כלל דא, אז מען לערנט נישט, לייגט מען אים דאס נישט מן השמים אריין אין געדאנק צו שענקן אים תורה, אבער אז ער לערנט, גיט מען אים א זכרון. למשל, אז ער לערנט אפ גאנץ ש"ס, און ער האט נישט אזוי דעם זכרון, שענקט מען אים מלמעלה 'זכרון', קען מען אים שענקן מתנות מלמעלה, אבער אז ער לערנט נישט, וועט מען דען זאגן מען וועט אים גיבן?!

אז ער לערנט איין מסכת ברכות 'כל ימיו', וועט מען אים געבן גאנץ ש"ס?! מען וועט אים נישט געבן גאנץ ש"ס! אז ער לערנט נישט וועט מען אים נישט געבן גאנץ ש"ס. אז ער לערנט גאנץ ש"ס און ער האט נישט דארטן וואס מען דארף האבן, קען מען אים שענקן אויך. אז א איד לערנט לפי זיין ערך, שענקט מען אים דארטן מער. אבער אז ער לערנט נישט – וועט מען אים געבן? וואס עפעס? פארוואס זאל מען אים געבן, ער האט דאך אינגאנצן נישט געלערנט?!

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן נעמען דעם רבי'נס זאך בתמימות ובפשיטות, וואס דער רבי זאגט, אָן קיין שום חכמות, מיר זאלן נישט גיין מיט קיין חכמות. א מענטש איז א מאמין אינעם רבי'ן, ער איז א חסיד - אז עס קומט צו דעם סדר הלימוד דעמאלט שטעלט מען זיך אפ, דא ווערט מען א חכם, מען שטעלט זיך אפ. 'זעירין אינון', 'זעירין אינון' וואס זיי פאלגן דעם רבי'ן אין סדר הלימוד.

❖

## ר' בוניע פון קרימענטשאק

מיר האבן געהאט איינעם א חסיד "בּוּנְיֶע"[מז] פון קרימענטשאק, איך האב אים נאך געקענט, ער איז געווען א גרויסער גביר און א גרויסער למדן געווען, ער האט

[מז] כנראה ששמו היה "בנימין" (גידולי הנחל). עיין שיש"ק ח"ד אות תק"ס: "רַבִּי בּוּנְיָא מִקְּרִימֶנְטְשׁוּק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֵׁם מִשְׁפַּחְתּוֹ הָיָה שְׁפִּיבִּיקוֹבְסְקִי, הִתְקָרֵב לְאַנַ"שׁ עַל יְדֵי רַבִּי זַלְמָן הָרַב

אסאך מאל מסיים געווען ש"ס, ער פלעגט מאכן א סעודה דארטן. ער איז געווען א בחינת ר' אלעזר בן חרסום, ער איז געווען א גרויסער עושר און ער איז געזעצן טאג און נאכט און געלערנט, און די געשעפטן האבן זיך געפירט. איך האב אים גוט געקענט. ר' אברהם שטערנהארץ האט געלערנט ביי אים מיט זיינע קינדער צו אייניקלעך. הכלל, האט ער אסאך מאל מסיים געווען ש"ס.

מיר האבן געהאט אסאך אזעלכע וואס האבן אסאך געלערנט, אסאך, אסאך מאל איבערגעגאנגען ש"ס. ר' אפרים ר' נפתלי'ס, איז געווען א איד א גאון עולם, א שר התורה, געווים האט ער געפאלגט דעם רבי'ן מיטן סדר הלימוד.

דאס גאונות מיט דער בקיאות דאס איז דאך א באזונדערע זאך, דאס איז א מתנה פונעם אויבערשטן אז דער אויבערשטער שענקט אים דארטן זכרון מיט תפיסה צו חריפות, אבער דו טוה דיינס, דו לערן, איך וועל דיר שוין שענקן מתנות, אויב דו וועסט אויסנוצן דיינס.

(אחד הנוכחים: ר' שלום אייזען האט דערציילט אז אין דער ישיבה וואו ער האט געלערנט איז געווען א בחור וואס פלעגט לערנען נאר 'המוכר את הספינה', איין פרק א גאנצן לעבן, ער האט קיין אנדערע זאך נישט געלערנט, און נאכדעם ווען מען האט אים דאס פארהערט האט ער נישט געקענט...) **הע,** געכאפט 'המוכר את הספינה'.

אידן וואס האבן אלע טאג התבודדות און שטייען אויף אלע טאג חצות - און דער סדר הלימוד פאלגן זיי נישט - דאס נישט, דאס נישט! הכלל, דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן מקיים זיין וואס מען הייסט אונז!

---

מִמֶּעדְזֶועדִיבְקֶע. הוּא הָיָה לַמְדָן מוּפְלָג וְעָשִׁיר נִכְבָּד, וְהָיָה יוֹשֵׁב כָּל הַיּוֹם רַק עַל הַתּוֹרָה וְהָעֲבוֹדָה. הָיָה בַּעַל צְדָקָה מוּפְלָג, וְהָיָה מִשְׁתַּתֵּף מִדֵּי חֹדֶשׁ בְּהוֹצָאוֹת הַקְּלוֹיז שֶׁבְּאוּמַאן. בִּשְׁנַת תרע"ד בְּעֵת מִלְחֶמֶת הָעוֹלָם הָרִאשׁוֹנָה הִגִּיעוּ מִפּוֹלַנְיָה הַרְבֵּה מֵאַנַ"שׁ קָרוֹן שָׁלֵם שֶׁל רַכֶּבֶת לַקִּבּוּץ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁל שְׁנַת תרע"ה, וְלֹא הָיָה לָהֶם מַה לֶאֱכֹל מֵחֲמַת הָרָעָב הַגָּדוֹל, הָלַךְ רַבִּי בּוּנְיָא וְשָׂכַר אוּלָם גָּדוֹל וְהִזְמִין עַל חֶשְׁבּוֹנוֹ אֶת כָּל הָאֹכֶל וְכוּ' וְכוּ' וְחִלְּקוּ אֹכֶל בְּשֶׁפַע רַב, עֲבוּר כָּל אַנַ"שׁ, וְאָז בְּאוֹתָהּ שָׁנָה אָכְלוּ כָּל אַנַ"שׁ יַחַד בְּאוּלָם אֶחָד. הוּא נִפְטַר בִּשְׁנַת תר"פ בִּהְיוֹתוֹ זָקֵן בָּא בַּיָּמִים".

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוהר"ר **ישראל נחמן שימאנאוויטש** הי"ו
קרית יואל
לרגל נישואי בתו
למזל טוב

מוהר"ר **צבי אלימלך ראפאפארט** הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

בקשו רחמים לרפואת
האברך **אלטר נפתלי**
**בן ציון בן מינדל**
לרפו"ש בקרוב בתושח"י

מוהר"ר **אברהם דוד שווארטץ** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בתו
למזל טוב

מוהר"ר **יואל לוי ניימאן** הי"ו
קרית יואל
לרגל נישואי בתו
למזל טוב

מוהר"ר **פנחס גוטמאן** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בנו החה"ח **ישראל דוד** ני"ו בשעטומ"צ
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **פיגא רבקה** ב"ר **חיים צבי הכהן** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה